RABBI MOSHE E. BLUM
76 GROVE ST.
MONSEY, N.Y. 10952
845-721-5966

משה אליעזר בלום
אבדק"ק
פנים מאירות
סיקסא
מאנסי נ. י. יצ"ו

**בעזרת השם יתברך יום ראשון לסדר ושמחתם לפני ה׳ אלקיכם אתם ובניכם ובנתיכם כג לחודש מנחם אב תשפה**

לכבוד די חשובע בעלי בתים אייגענטומער פון געשעפטן און אויסגאבעס בכל קצוי תבל כל אחד בשמו הטוב יבורך. מיר קומען צו אייך מיט א וויכטיגע הארציגע קורצע בקשה מעימקא דליבא.

אזוי ווי לעצטענס איז זייער שטארק אריינגעקומען ביים היימישן ציבור אז מען מאכט בילדער פון קינדער, אינגלעך, בחורים, מיידלעך, און מען איז מפרסם כל מיני פירסומים [עדווערטייזמענטס], געשעפטן, עסען, טרינקען, קליידונג, געלד אקציעס, אלע מיני בעלי מלאכה, די וואס פארקויפן הייזער און בנינים, מעדעצינען און וויטאמינען, שמיראכצער, דאקטורים, אפרוה פלעצער, וכדומה וואס מען קען נישט אלעס אויסרעכענען דא, און מען לייגט צו דערמיט א צורה פון א קינד/ער א בחור/רים א מיידל און גאנץ אפט אויף זייער א מגושמדיגע אופן, און אפילו אויף א פראסטע אופן, באמת אויך פון אינגעלייט, אבער מיר ווילן זיך באציען בעיקר וועגן די תינוקות של בית רבן. מיר פארשטייען אז איר מיינט גארנישט שלעכט, און מיר קומען נישט אייך צו באשולדיגען, אבער בשוגג קומט ארויס א גרויסע מכשול א שטרויכלונג, און מיר זענען זיכער אז ווען איר וועט נתעורר ווערן וועט איר מקבל זיין את האמת ממי שאמרו בס״ד.

אלטס אן הקדמה צו פארשטיין די דערהער אז א צורה פון א אידיש קינד איז א רוחניותדיגע נישט א מגושמדיגע און מען דארף דאס ניצן בחשיבות.

און די משנה אבות לערנען מיר הוא [רבי עקיבא] היה אומר, חביב אדם שנברא בצלם, חבה יתרה נודעת לו שנברא בצלם, שנאמר כי בצלם אלקים עשה את האדם. וביכין מסביר דכוונת התנא, דמשום כך יראה האדם להיטיב לכל, אפילו למי שאינו בן ברית, וכ״ש שלא יגרום לו נזק לגופו ממונו וכבודו, **ולא יבזהו להלבין צלם אלהים המציץ מפניו.**

במדרש רבה פרשת בהר פרשה לד, גומל נפשו איש חסד, זה הלל הזקן, שבשעה שהיה נפטר מתלמידיו היה מהלך והולך עמם, אמרו לו תלמידיו רבי להיכן אתה הולך, אמר להם לעשות מצוה, אמרו לו וכי מה מצוה זו, אמר להן לרחוץ בבית המרחץ, אמרו לו וכי זו מצוה היא, אמר להם הן, מה אם איקונין של מלכים שמעמידים אותו בבתי טרטיאות ובבתי קרקסיאות, מי שנתמנה עליהם הוא מורקן ושוטפן והן מעלין לו מזונות, ולא עוד אלא שהוא מתגדל עם גדולי מלכות, אני שנבראתי בצלם ובדמות דכתיב כי בצלם אלהים עשה את האדם על אחת כמה וכמה.

איז מסביר דער יפה תואר, הנה הפשט של בצלם אלהים עשה את האדם, הוא לענין הדעת והתבונה, ולא בתמונה ובתבנית הגוף, כי אין לה׳ דמות הגוף ולא משיגי הגוף, **כיון דגופו הוא מעון לרוח הנאצל ממרום לכן צריך לכבדו.** די ספרים הקדושים זענען מסביר אז דער צלם אלקים איז די נשמה די רוחניות פונעם מענטש, מיט דעהם זענען מיר אנדערש ווי די אומות העולם. עד כאן.

לאמיר נעמען און באטראכט, עלטערן ב״ה פלאגן זיך מיט צער גידול בנים, ווי מען זאגט ביי די הגדה ואת עמלינו אלו הבנים, עלטערן זענען מסביר פאר די קינדער די שיינקייט און די גרויסקייט פון א צלם אלוקים, פון זיין א בן מלך בנים אתם לה׳ אלוקיכם, און פאדערן פון די קינדער צו זיך אויפפירען ווי עס פאסט זיך פאר אן ערליך אידיש קינד, אלע עלטערן שטרעבן מחנך צו זיין ערליכע קינדער וואס זאלן קענען ביי שטיין די אלע נסיונות וואס עס איז דא היינט אויף די וועלט.

עס איז ברייט באוואוסט אז די קינדער די בחורים היינט צו טאג זענען נעבעך אפן צו א שטארק גשמיותדיגן וועלט אויף א אופן ווי קיינמאל בעפאר, אבער אזוי איז די רצון הבורא און מיר ספראווען זיך דערמיט, ולא אלמן ישראל.

אבער גיבט א קלער, וויפיל טרערן פארלאזן די עלטערן מיט הייסע הארציגע תפילות צו האבן ערליכע קינדער, וויפיל געלד לייגט מען אריין אויף חינוך הטהור, וויפיל הארץ קאפ און מח מען לייגט אריין די קינדער זאלן נישט נאך געשלעפט ווערן פון די פראסטע און שמוציגע וועלט, וויפיל פרובירט מען צו

בהאלטן זיי זאלן נישט זעהן הערן און וויסן פון די אלע נסיונות וואס איז אלטס דא, און ב״ה דער הייליגער באשעפער גיבט סייעתא דשמיא און עס וואקסט א שיינע דור ברוך הוא וברוך שמו דער אויבעשטער זאל העלפן ווייטער.

לאזן מיר קלאר שטעלן, די כח פון בילדער היינטיגע צייטן איז זייער א שטארקער, עס האט א שטארקע השפעה, עס מאכט זייער א שטארקן רושם ביי יעדן בכלל און ביי קינדער בפרט, עס איז א בילדער קאמיקס וועלט, בילדער רעדן צום מענטש צום קינד צום בחור זייער אסאך, און די תורה שטייט ולא תתרו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, זאגט רש״י הקדוש הלב והעינים הם מרגלים לגוף, ומסרסרים לו את העבירות, העין רואה והלב חומד והגוף עושה את העבירות.

אויב אזוי, ווען א קינד בכלליות זעהט א בילד ווי א קינד עסט א מאכל אדער אפילו האלט עסען, קויפט עסען, און שמייכעלט דערצו, אדער עסט אויף א נישט איידעלע אופן, און כל שכן אויף א פראסטער וועג בפרט, ברענגט דאס אריין א שטארקע תאווה דערצו בפועל ממש, ער לויפט דאס נאך, און עס ברענגט צו ווייטער און ווייטער, אזוי איז מיט אלע מיני בילדער, איז עס גורם א צוציאונגס קראפט, א קנאה, א תאווה, צו עולם הזה, צו מגושמדיגקייט, צו פראסטקייט אויף זייער א שטארקע פארנעם, דאס זעהט ער, דאס איז זיין מוסטער און לעבן, עס ווערט זיין שטרעבן רח״ל, זיין ציל אויף וואס ער קוקט ארויס איז נישט רוחניות נאר גשמיות רח״ל, די זעלבע ווען ער זעהט בילדער פון קינדער מיט מאדערנע בגדים, מאדערנע פיאות, קאפל, שפילן מיט כלזמר, בויען הייזער, זיך אפרוען און פראסטע פלעצער, וכדומה, צו איז עס סתם גשמיותדיגקייט, צו איז עס פראסטקייט, אדער מאדערנקייט, בכל אופן מאכט עס א שטארקע מגושמדיגע רושם און זיין מח און זיין הארץ, ער טראכט ער בענקט און ער שטרעבט דערצו, און די תוצאות זענען ווייטאגליך, עס קען צוגרינד לייגן די גאנצע חינוך וואס די עלטערן און מחנכים לייגן אריין מיט אזוי פיל פלאג, עס קען גורם זיין א פארשטאפטע קאפ צו תורה ויראת שמים, מען דארף נישט מאריך זיין במקום וואס יעדער פארשטייט, עס איז נישט שייך צווייי צדדים ביי דעהם, מיר זענען נאר מעורר.

ועמך כולם צדיקים, עמך ישראל קדושים וטהורים הם, נתבעים ונותנים, מיר קומען דא פשוט אויף צו וועקן אייער הייליג הארץ, מיט א ווארעמע וויכטיגע בקשה, האט רחמנות אויף די נשמות קדושות וואס בעטן זיך מיר ווילן זיין ערליך מיר ווילן נאר זעהן הייליגע זאכן, מיר האבן גענוג נסיונות אזוי אויך, לייגט אונז נישט אריין און נסיונות וואס איז איבריג, זיי בעטן זיך ראטעוועט אונז, רייצט נישט אן אונזער יצר הרע דורך די בילדער, עס איז און אייער האנט.

**ממילא וואלט געווען ראטזאם צו מאכן אלע צוזאמען באחדות לשם שמים ולטובת הכלל והפרט, א שטארקע גדר אז מען איז גארנישט, גארנישט ממש, מפרסם זיין מיט בילדער פון תינוקות של בית רבן, נישט פון אינגלעך נישט מיידלעך נישט פון בחורים און נישט איגעלייט, בין לטוב ובין לרע, אפילו מיט פאלשע כמו צורות, עס איז א שטארקע גדר לטובת החינוך, עס איז א גדר של קדושה בעזהשי״ת, ווי איר אליינס ביי די קינדער און אייניקלעך וכו׳ וועלן שעפן נחת דקדושה פון די פירות.**

און בכלליות אויב מעגליך ווילן מיר מעורר זיין צו מאכן תיקונים, דורך מער אויס צו איידלען די גאנצע ענין פון אלע ערליי פירסומים [עדווערטייזמענטס], עס זאל נאר ארויס ברענגען די הייליגקייט די לעכטיגקייט די דערהויבענקייט פון כלל ישראל, הן עם לבדד ישכון, אונז זענען גאר אנדערשט און גאר העכער פון די אומות העולם, אדרבה איר זאלט אנשטאט משפיע זיין קדושה, טהרה, ערליכקייט, ביים כלל ישראל, וזכותכם אין לשער ואין לתאר בס״ד.

ובפרט בעטן מיר ביי די אלע אויסגאבעס בלי יוצא מן הכלל, שטעלט אוועק שטארקע גדרים וסייגים און זכות הרבים תלוי בכם, בשם השם נעשה ונצליח.

מיר זענען פארזיכערט און דעהם כל יכול וואס אלע געלד קומט פון אים אז בזכות זה וועט איר נשפע ווערן מן השמים שפע רב ויוסף ה׳ עליכם אלפי פעמים געזונט פרנסה נחת דקדושה כוח״ט והצלחה בכל הענינים אכי״ר

הק׳ משה אליעזר בהגרש״מ בלום
מנהיג מוסדות סקווירא